בס"ד

# תורת אביגדור

פרשת וירא
שנה ב'




משיעורי ליל שישי של הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל

כל הזכויות שמורות

## וויאזוי טוט מען חסד

**א** מערקווירדיגע סצענע האט זיך אנטפלעקט פאר אברהם אבינו'ס געצעלט. "והוא יושב פתח האהל כחם היום" - ער איז געזעסן ביים טיר פון זיין געצעלט אין א הייסן טאג (בראשית יח, א). דער פסוק באטאנט אז ס'איז געווען אן אויסערגעווענליכער הייסער טאג אין ארץ כנען' און אברהם אבינו - א ניינציג יעריגער אלטער מענטש וואס ערהוילט זיך פון א ברית מילה - זיצט ביים טיר פון זיין געצעלט' ווארטנדיג אויף א דורכגייער וואס נויטיגט זיך אין א מאלצייט אונטער א שאטן.

אבער ווער וואנדערט אין אזא טאג? אלע מדבר נסיעות זענען אפגעלייגט געווארן ביז די היץ וועט נאכלאזן. אלע וועגן זענען געווען ליידיג, און דאך איז אברהם - וועלכער גארט צו שענקען חסד פאר די מענטשהייט - געזעסן ביים טיר קוקנדיג אויפן האריזאנט מיט האפענונג. ער איז געזעסן אזוי לאנג, ביז השי"ת האט רחמנות געהאט אויף אים און געשיקט מלאכים צו פארבייגיין זיין געצעלט.

ווען אברהם האט באמערקט די וואנדערער קומען, כאטש זיי האבן אויסגעזען ווי פשוט'ע אראבער, איז ער זיי אנטקעגן געלאפן און געפאלן צו דער ערד און זיך געבעטן ביי זיי: "אל נא תעבר מעל עבדך" - מיינע הערן, איך בעט אייך, גייט נישט אריבער פון פאר אייער קנעכט (שם יח, ג).

**א מאדנע סצענע**

**ס'איז** געווען א סצענע וואס מ'קען נישט פארפאסן! אברהם אבינו, דער רייכער און אנגעזעענער פערזענליכקייט, דער נשיא אלקים, פאלט צו דער ערד פאר פראסטע וואנדערער אז זיי זאלן אננעמען זיין אנבאט צו געניסן פון זיין געסטעריי.

אין די אויגן פון א פשוט'ן צוקוקער, וואלט דאס זיכער באטראכט געווארן ווי אן איבערגעטריבענער טאט. 'חסד איז א הערליכע מידה,' וואלט מען געטראכט, 'אבער אזוי ארויסצוגיין פון די גלייזן, דאס איז דאך שוין עקסטרעם און איבער די מאס.'

שטעלט אייך פאר ווי א משולח קומט אן צו א גאס אין צענטער פון בארא פארק, וואו עס וואוינט א חשוב'ער בארימטער ראש ישיבה. דער ראש ישיבה לויפט ארויס פון זיין הויז: "אל נא תעבר, טו

בעריכה מיוחדת
גליונות לשבת קודש

מיר צוליב, גיי נישט אוועק איך וויל דו זאלסט זיין מיין גאסט," בעט ער זיך. און אויב דער משולח ענטפערט: "ניין, ס'איז אלעס אין בעסטן ארדענונג, כ'שפיר נישט קיין געברויך פאר עסן יעצט," לאזט אים דער ראש ישיבה נישט אפ, ער פאלט אים צו די פיס און בעט זיך ווייטער, "מיין הער, גיי נישט אוועק, איך בעט דיר גיי נישט אוועק פון דיין קנעכט!"

וואס וואלטן די איינוואוינער פון בארא פארק וועלכע זעען די סצענע געזאגט דערצו?! זיי וואלטן זיכער געהאלטן אז דער ראש ישיבה פירט זיך מאדנע. ס'איז שווער צו ארויסזאגן אזוינס, אבער דאס וואלטן זיי געטראכט.

גרויסע מענטשן זענען צומאל אזוי גרויס, אז פשוט'ע מענטשן קענען זיי נישט געווען שעצן. דער נביא ה' איז באטראכט געווארן ווי משוגע "משוגע איש הרוח" (הושע ט,ז), דאס מיינט, אין מענטשן'ס אויגן זעט ער אויס ווי משוגע. אז דער נביא זאגט אזוי, מיינט דאס אז ס'איז שוין אן אלטע מעשה אז עבודת השם פון גרויסע לייט, ווערט פארעכנט ווי עקסטרעם אין די אויגן פון מענטשן וואס זענען אויף א קלענערע מדריגה.

עס איז וויכטיג צו באטאנען אז די מעשה פון אברהם אבינו ביים טויער פון זיין געצעלט ווארטנדיג אויף אורחים, איז נישט געווען אן איינמאליגע געשעעניש, מען דארף וויסן ווי אזוי אפצולערנען א פסוק אין חומש. ווען די תורה דערציילט אונז דאס, אנטפלעקט עס א דרך החיים, א מהלך ווי אזוי אברהם אבינו האט זיך שטענדיג געפירט. והוא יושב - ער איז 'אלעמאל' געזעסן נעבן זיין געצעלט מיט די האפענונג צו באגעגענען א דורכגייער פאר וועמען ער וועט קענען טון חסד. ער איז געווען 'משוגע' פאר חסד. אברהם אבינו האט געלעבט א לעבן וואס איז געווען דורכגעדרונגען מיט א געוואלדיגער רצון צו מאכן אנדערע פרייליך.

## אברהם אבינו האט דורכשטודירט די וועלט

**אזא** מדריגה אין עבודת השם קומט נישט פון זיך אליין, נאר נאך אסאך יארן פון מחשבה. אברהם אבינו איז געווען א גוטער תלמיד פון דער נאטור. ער האט דורכשטודירט יעדע זאך וואס דער אויבערשטער האט באשאפן. און אלע קליינע פיטשעווקעס וואס מיר נעמען נישט אין אכט, האט ער ארייגעקלערט טיף.

ער האט באטראכט די ביימער מיט זייערע פרוכט, די פלאנצונגען מיט זייער קערנדלעך און האט אריינגעקלערט ווי אזוי זיי וואקסן. ער האט שטודירט די פראצעדורן פון די קערפערס פון מענטשן און חיות, ווי אויך די אינערליכע געפילן פון מענטשן. ער האט שטודירט די ברייטע הימל מיט די זון, לבנה, וואלקענעס און רעגן. שעות אויף שעות, טעג און יארן, האט ער אריינגעקלערט אין די בריאה און ער האט געזען די ענדלאזע חכמה פון דעם באשעפער, וואו אימער ער האט זיך נאר געקערט.

אבער אברהם אבינו האט זיך נישט באגנוגנט מיט'ן בלויזן אנערקענונג אין די ענדלאזע חכמה וואס ליגט אין די בריאה, דאס איז נאר געווען זיין ערשטן שטאפל. ווייל ווען ער האט אריינגעקלערט אין יעדן פרט אין וואס ער האט געזען, האט ער אנערקענט אז אלעס פירט צו איין ריכטונג - אז השי"ת איז א 'חפץ חסד' און אז די וועלט איז א פלאץ וואו דער אויבערשטער טוט כסדר זיין חסד פאר אונז.

## דער ציל פון די בריאה איז הנאה

**בשעת** אברהם אבינו האט באטראכט די וועלט, האט ער אין אכט גענומען די ענדלאזע איסוואל פון טעמים וואס אז דא בנמצא פאר די מענטשהייט. אברהם האט געוואוסט אז א מענטש קען גאנץ גוט עקזיסטירן אן פעפער,

אינגבער און צימערינג. "דאן פארוואס," האט אברהם געפרעגט, "האט דער באשעפער איינגעפלאנצט אין זיין וועלט בשמים, זאפרען, זענפט און אלע אומצאליגע געווירצן? עס זעט דאך אויס איבריג; מיר וואלטן זיך זייער פיין אן עצה געגעבן אן דעם ענדלאזן אויסוואל פון געווירצן."

נאכן פיל אריינקלערן איבער די פארשידנארטיגע הנאות פון טעמים, איז אברהם געקומען צו די מסקנא אז די איין און איינציגסטע צוועק פון די אלע זאכן איז "הנאה"! די הנאה פון די מענטשהייט; דאס איז וואס אינטערעסירט דעם אויבערשטן! דורכשטודירנדיג די וועלט, האט אברהם פארשטאנען אז דער גרויסער באשעפער באגערט אין די פרייליכקייט פון זיינע באשעפענישן!

וואס טוט דער באשעפער אין די וועלט? צי דען מאכט ער עפלעך וואקסן ביטער און גיפטיג - אדער ווערן זיי מיט די צייט זיס און רויט, גלאנציג און ווייך? צי דען מאכט ער טרויבן רייף ווערן אלס סם - אדער ווערן זיי פול מיט זיסע זאפט און שטעלן צו פיינע וויין? צי דען טוען נישט די בינען ארויסגעבן פאר אונז האניג, און טוען זיי נישט מאכן די געוויקסן פרוכטבאר? זיי זענען דאך גורם די פלאנצונגען צו בליען און ווערן די פרוכט פון וואס מיר געניסן. צי זענען נישט די אלע ערשיינונגען פון די וועלט נוצבאר? ניסלעך און געטראנקען, פילונגען און ריחות פון אלע סארט, דאס איז וואס מיר זעען ארום אונז.

איבעראל ווי אברהם האט זיך געקערט צו באטראכטן די בריאה, האט ער געזען די גוטסקייט פון דעם באשעפער און אזוי איז ער געקומען צו די מסקנא עז "עולם חסד יבנה" - די וועלט איז באשאפן געווארן מיט'ן ציל פון חסד (תהלים פט,ג). "דאס איז א וועלט געבויט צוליב חסד, צו צושטעלן פאר די מענטשהייט אן אויסוואל פון הנאות," האט אברהם געזאגט. דאס איז די איינציגסטע סיבה צו אלעם." עולם חסד יבנה! דער באשעפער האט געבויעט א וועלט פון חסד!

## יעדע זאך מיט זיין טעם

**יעצט**, קען זיין אז ווען איך זאג די ווערטער טוט דאס נישט אריינקריכן אין מח; עס זעט אויס ווי איבערגעטריבן. דאס איז צוליב דעם וואס מיר געבן נישט אוועק אזויפיל צייט צו אריינקלערן אזוי ווי אברהם אבינו. כמעט וואס מיר מאכן זיך נישט די צייט צו טראכטן איבער דעם חסד השם וואס איז דא אזוי בשפע אין זיינע ווערק. אבער אברהם איז געווען א מבקש, א גרויסער דענקער און ווען ער האט זיך ארומגעקוקט אויף דעם באשעפער'ס וועלט האט ער געזען א וועלט פון גוטסקייט; ער האט געזען חסד איבעראל. יעדער פרט וואס ער האט אבזערווירט האט געצילט צו איין ריכטונג: נישט נאר אז עס איז דא א באשעפער, נאר אז דער באשעפער איז א חפץ חסד, וועמענ'ס איינציגסטע אינטערעסע איז צו שענקען פרייליכקייט פאר די מענטשהייט.

ווען אברהם איז פארבייגעגאנגען א פעלד האט ער געזען רויטע עפל הענגען פון דעם בוים. צומאל האט ער געזען געלע באנאנעס, ראזע פערישקעס און פארשידענע בערים; אלע געשמאקע פרוכט, יעדע מיט אן אנדער טעם. אברהם איז געשטאנען פארגאפט קעגן די פארשידנארטיגע טעמים וואס דער באשעפער האט צוגעשטעלט פאר'ן מענטש. א טעם איז נישט קיין צופאל, עס איז א חסד. האט איר שוין איינמאל געשפירט דעם טעם פון ברוינע ערד? פרובירט עס איין מאל; איר וועט זען אז עס איז נישט אזוי אפעטיטליך... און פון אט די ברוינע ערד, האט דער אויבערשטער ארויסגעברענגט א ריזיגער אויסוואל פון פרוכט און גרינצייג, יעדע מיט איר אייגנארטיגער טעם!

דער טעם פון א מאראנץ איז אנדערש ווי דער טעם פון פיינעפל. דער טעם פון יאגדעס איז אנדערש ווי בלובעריס. א וואלניס האט נישט דעם זעלבן טעם ווי א ניסעלע, קארשן, באנאנעס, אנאנעס, טרויבן, טאמאטעס און צוויבל. אה, צוויבל! - דאס געט אריין א טעם אין אזויפיל עסן. געלויבט דעם באשעפער פאר צוויבל! צוויבל און קארטאפל מאכן אונז פריילך! און עס איז דא נאך אן ענדלאזער אויסוואל!

## די קאלירפולע וועלט

"**אפילו** די קאלירן זענען א חסד," האט אברהם געטראכט. "וואס איז געווען דעם באשעפער'ס ציל צו מאכן די עפלען רויט?" אויב דער אויבערשטער וואלט געמאכט די עפל דעם זעלבן מאטער קאליר ווי די קארטאפל, וואלטן עס מענטשן נאך אלץ געגעסן. וואס קען מען טון אז מען האט נישט עפעס שענערס צו עסן? א מאטע קאליר עפל קען אויך האבן א זיסן טעם. צי מוזן דען מאראנצן זיין א שארפן אראנזשער קאליר? פארוואס קען עס נישט בלייבן אן א קאליר?

און אזוי האט אברהם אנערקענט אז קאליר איז א חסד. ער האט געזען אז ווען די פרוכט זענען נאכנישט געצייטיגט, האבן זיי נאכנישט זייער קאליר. נאר ווען זיי ווערן רייף, טוישט זיך דער קאליר. "דער ציל פון דער קאליר איז צו לאזן וויסן פאר די מענטשן אז די פירות זענען שוין רייף, גרייט צום עסן," האט אברהם געזאגט. עס איז א חסד אז די מענטשן זאלן נישט דארפן ריזיקירן אריינצובייסן אין א רויע באנאנע אדער א נישט געצייטיגטער עפל. די הערליכע קאלירן, די שאטירונגען פון רויט, די שארפע געלע קאלירן, זענען דא צו ציען אונזער אויפמערקזאמקייט. "איך בין גרייט יעצט צו ווערן געגעסן" רופן די פרוכט צו אונז ווען די קאלירן ווערן ציינד."

און אברהם האט געזען מער פון דעם. ווייל עס זענען דא פארשידענע שאטירונגען פון קאלירן אין די עסן וואס דער באשעפער טוט צושטעלן; רויט, ראז, לילא, געל און אראנזש; געוויסע טונקל און געוויסע ליכטיג - צוליב וואס? אברהם האט געזען אז די קאלירן מאכן דאס עסן מער אינטערעסאנט, ווייל א זאך וואס זעט אויס שיין, איז מער אינטערעסאנט צו עסן. אברהם האט אנערקענט אז השי"ת וויל מאכן דאס עסן זאל זיין מיט הנאה.

נישט נאר עסן איז קאלירפול. ווען אברהם איז אויפגעשטאנען אינדערפרי און ארויפגעקוקט צום הימל, האט ער געזען א הערליכע סצענע. השי"ת האט געפארבט פאר אים א קלארע בלויע הימל, געפינטלט מיט וואלקענעס איבערן האריזאנט. עס איז געווען א פארגעניגן. און די הערליכע בלויע הימל איז נאר געווען דער אנהייב פון א קאלירפולער טאג. די גרין פון די ביימער און גראז; ווייסט איר ווי הערליך איז דער קאליר גרין? עס איז א זיסער און ווייכער קאליר און דערפאר האט דער אויבערשטער דאס אויסדערוועלט פאר די גראז און בלעטער וואס עס איז דא אזויפיל דערפון. און די הערליכע שאטירונגען פון די פארשידענע בלומען, די גאלד-אראנזשע גלאנץ פון זון אויפגאנג און אונטערגאנג, די וואונדער פון די לבנה ביינאכט - אזוי פיל הערליכע זאכן צו זען!

"און צוליב וואס?" דאס איז וואס אברהם האט זיך געפרעגט. "וואס איז דער צוועק פון די אלע הערליכע קאלירן וואס דער באשעפער האט געפארבט פאר אונז?" און אברהם איז געקומען צו די מסקנא אז עס איז נאר צוליב דעם איינציגן צוועק פון מאכן הנאה פאר די מענטשהייט. אלע קאלירן און טעמים און הנאות פון די וועלט האט נישט איבערגעלאזט דעם מינדעסטן ספק ביי אברהם, אז דער אויבערשטער איז פארנומען צו טון חסד מיט די מענטשהייט.

## דערקענען די מידה פון באשעפער

**אצינד**, ווען אברהם אבינו האט זיך איבערצייגט אין דעם, איז ער געקומען צו א מסקנא וואס האט געטוישט זיין לעבן. "יעדער ווייסט," האט אברהם געזאגט, "אז הקדוש ברוך הוא איז 'יושב בסתר' - ער זיצט אין באהעלטעניש (תהלים צא, א). דאס מיינט, ער באווייזט זיך נישט פאר די מענטשהייט, ער איז גענצליך פארהוילן. "אבער," האט אברהם געזאגט, "עס איז דא איין זאך וואס ער ווייזט יא, כביכול, פון אים - ער ווייזט זיין חסד! דאס איז וואס מיר זעען פון דעם באשעפער. ער האט אריינגעלייגט אין די בריאה אן ענדלאזע ליסטע פון נוצבארע און פארגעניגנספולע זאכן וואס פילן אן אונזער לעבן מיט אלע סארטן הנאות."

אברהם האט פארשטאנען אז דער אויבערשטער האט געקענט אויסוועלן זיך צו אנטפלעקן אין סיי וועלכן פארנעם. "פארוואס, אויב אזוי," האט אברהם געפרעגט, "האט הקדוש ברוך הוא אויסגעוועלט זיך צו באווייזן דוקא אין די יאגדעס, בלובעריס, קארשן, מאראנצן עפלען, פעררישקעס און צוויבל?!"

עס איז נישטא קיין צופאל דא! חסד איז די מערסטע אנזעבארע זאך אין די בריאה ווייל 'דאס איז וואס דער באשעפער וויל מיר זאלן וויסן איבער אים, כביכול!' עס וועט נישט העלפן ער זאל זיך באווייזן מער פון דעם, ווייל מיר זענען סייווי נישט ביכולת צו פארשטיין! אבער דער איינער פונקט קענען מיר פארשטיין; אז דער אויבערשטער איז פארנומען צו געבן פאר יעדן דאס וואס עס וועט אים מאכן פרייליך. די וועלט איז אינגאנצן אנגעפילט מיט אלע גוטע זאכן און דער באשעפער ווייזט אונז, דורך צענדליגע טויזנטער ביישפילן, אז ער שטרעבט צו מאכן מענטשן פרייליך, צו צושטעלן פאר מענטשן פארגעניגנס.

## איין מידה וואס איך זע פון דעם באשעפער

"**כאטש** מיט איין מידה אנטפלעקט זיך דער באשעפער," האט אברהם געזאגט, "אז ער באגערט צו טון חסד". 'כי חפץ חסד הוא' (מיכה ז, יח). דאס איז וואס אברהם האט אנערקענט און אויסגעלערנט פאר די וועלט. "די וועגן פון באשעפער זענען 'נישט' פארהוילן; עס איז נישט קיין סוד, עס איז אפן פאר די וועלט. אין יעדן ווינקל קען מען זען אט די נקודה, אז דער באשעפער איז א 'חפץ חסד'. עס איז נישטא א זאך אין די וועלט וואס איז מער קענטיג ווי דאס אז דער באשעפער באגערט צו טון גוטס צו די מענטשהייט." און דערפאר האט אברהם אנערקענט אז די מערסטע קענטיגע מידה פון כביכול, דעם באשעפער, איז אז ער איז א 'קל חסד' - א באשעפער פון גענאד.

און פארוואס באווייזט אונז דאס דער באשעפער? האט אברהם פארשטאנען אז דאס איז נישט נאר צוליב דעם ווייל ער וויל טון מיט אונז גוטס און אויך נישט בלויז צו לערנען ליב צו האבן דעם באשעפער צוליב זיין חסד; דאס אלעס איז וויכטיג אבער נישט די גאנצע מטרה. אברהם האט איינגעזען אז דער באשעפער באווייזט אונז אז ער איז א חפץ חסד בעיקר **ווייל ער וויל מיר זאלן זיך לערנען צו נאכגיין זיינע וועגן; אז מיר זאלן אויך שטרעבן צו טון חסד.**

נישט נאר וואס ער איז גוט צו אונז, נאר דאס איז וואס ער וויל פון אונז. אברהם האט געלערנט פון די בריאה פון חסד, וואס דער אויבערשטער וויל דאס מערסטע פון אונז. ווי נאר אברהם איז געקומען צו דער אויפוואכונג אז אלעס אין די וועלט איז חסד, איז ער געווארן איבערגענומען מיט דעם ביישפיל

וואס דער באשעפער באווייזט אים. דער הייליגער באשעפער איז געווארן זיין "רבי" אין חסד. "דער אויבערשטער טוט חסד," האט אברהם געזאגט, "און איך גיי אים נאכטון. דער אויבערשטער טוט הכנסת אורחים מיט אונז, נישט אזוי? ער מאכט אונז א הערליכע אומזיסטע האטעל - דאס איז די וועלט - וואו ער געט צו עסן און אלע באדערפענישן. אלזא, פארוואס זאלן מיר אים נישט נאכמאכן און טון דאס זעלבע? איך וועל זיך פירן אזוי ווי דעם באשעפער און שענקען גוטס צו די וועלט."

דערפאר איז ער געזעסן, "פתח האהל כחם היום" - ביים טויער פון זיין געצעלט אין א הייסן טאג, אויסקוקנדיג צום מדבר פאר וואנדערער. ער איז אנטקעגן געלאפן די דריי וואנדערער און זיך געבעטן ביי זיי אז זיי זאלן זיין זיינע געסט, ווייל ער האט געזען וואס דער אויבערשטער טוט פאר די מענטשהייט. דערפאר איז ער געווארן 'משוגע איש הרוח', ער איז געווארן איבערגעוועלטיגט מיט התלהבות ווען ס'איז געקומען צו טון חסד, כדי צו נאכטון דעם ביישפיל פון השי"ת.

## איינפלאנצן ביימער לשם שמים

**אברהם** האט געזען אז דער אויבערשטער האט באשאפן ביימער צו צושטעלן פאר די מענטשן עסן און שאטן, איז ער געווארן פארנומען איינצופלאנצן ביימער. "ויטע אשל בבאר שבע" - ער האט איינגעפלאנצט א פעלד אין באר שבע און ער האט איינגעלאדנט די געסט צו הנאה האבן פון די חסד (וירא כא, לג). ווען אברהם האט געטרונקען א דערפרישענדער גלאז וואסער, האט ער געטראכט איבער דעם חסד ה' און ער האט געזוכט אויך צו טון דעם חסד מיט אנדערע. "'יקח נא מעט מים ורחצו רגליכם' - איך בעט, נעמט אביסל וואסער און וואשט אייערע פיס," האט ער געזאגט צו זיינע געסט.

אברהם האט באמערקט אז דער שטאם פון א בוים איז א אן ארט זיך צו קענען אנלאנען דערויף און אפרוען דעם אויסגעמוטשעטן קערפער. האט ער פארגעשלאגן זיין בוים אלס אן ארט זיך צו אפרוען: "והשענו תחת העץ" - ביטע רוהט אייך אפ דא אונטער'ן בוים (שם יח, ג), האט ער געזאגט. און ווייל דער באשעפער געט פאר די וועלט ברויט, פוטער, מילך און פלייש, דערפאר האט אברהם געזאגט צו זיינע געסט: "ואקחה פת לחם וסעדו לבכם" - און איך וועל נעמען ברויט און איר זאלט עסן און זעטיגן אייער הארץ. אברהם איז געווארן פארנומען צו סערווירן זיינע געסט.

## גוט אפגעלערנט דעם פרילינג

**אין** א שיינעם פרילינג טאג ווען אברהם איז אויפגעפרישט געווארן דורך א געשמאקע ווינטל, האט ער געזאגט, "דאס איז א לערע פון באשעפער." איך פארשטייט, א געשמאקע ווינטל איז ווי א תוספות; עס לערנט אייך עפעס. און אברהם האט נישט איבערגעהיפערט דעם תוספות. ער האט געזאגט, "איך וועל אויך זיין א 'מעודד ענווים' (תהלים קמז, ו). איך וועל אויך מוטיגן מענטשן און זיי מאכן שפירן גוט און פרייליך, אזוי ווי דער אויבערשטער טוט. וואו אימער אברהם האט זיך געפונען, איז געווען עוז וחדוה, חיזוק און שמחה, פונקט ווי דער באשעפער איז משפיע.

אברהם האט זיך אויסגעארבעט צו זיין א 'חפץ חסד' - ער האט דאס גענומען אלס זיין אויפגאבע צו זיין גוט צו יעדן. ער האט אויסגעלערנט זיין פאמיליע צו זיין גוט צו מענטשן ווייל ער האט פארשטאנען אז העפליכקייט, געבן כבוד פאר אנדערע איז אויך א טייל פון די מידה פון חסד.

ווען אברהם איז געגאנגען פאראהאנדלען איבער די מערת המכפלה צו באערדיגן שרה, האט ער זיך געבוקט צו דער ערד און גערעדט העפליך מיט די אייגנטימער. ס'איז מערקווירדיג צו זען ווי אזוי אברהם אבינו האט געהאנדלט מיט העפליכקייט. אברהם איז געווען א מענטש וואס איז א חפץ חסד צו יעדן ווייל ער האט געזען אז דאס איז רצון ה' אויף די וועלט.

דערפאר איז אברהם ארויס צו די וועלט מיט זיין נייע לערע; ער האט אויסגעלערנט די וועלט דעם חידוש אז דער באשעפער ווייזט אונז אז ער איז א קל חסד, כדי מיר זאלן אים נאכטון.

דאס איז געווען איינע פון די גרויסע דערגרייכונגען פון אונזער ערשטן פאטער אברהם אבינו, צו אריינברענגען אין די וועלט דעם באגריף אז דער באשעפער וויל פון אונז אויסדריקליך צו האבן מיטגעפיל און מאכן אנדערע פרייליך. דער באשעפער באגערט פון דיר אז דו זאלסט זיך פירן מיט די מידה מיט וועלכן ער, כביכול, פירט זיך - די מידה וואס דו זעסט ארום דיר אין א וועלט וואס מאכט מענטשן פרייליך.

## והלכת בדרכיו - ווי אזוי מען קען צוקומען צו שלימות

**אין** דעם ספר "דרך עץ החיים" (הקדמה) ברענגט דער רמח"ל פארשידענע עצות ווי אזוי מען קען געפונען חן אין די אויגן פון השי"ת. איינע פון די זאכן וואס ער ברענגט איז, אז א מענטש זאל זיך יעדן טאג מאכן צייט פאר התבודדות און זיך פרעגן די וויכטיגסטע שאלות פון לעבן, וואס איינע דערפון איז: "וואס האט געמאכט אברהם אבינו אזוי באליבט ביי השי"ת? און ווי אזוי איז ער צוגעקומען צו אזא הויכע מדריגה אז דער אויבערשטער האט אים אויסגעוועלט צו זיין דער פאטער פון דעם הייליגסטן פאלק?"

עס נעמט צייט זיך צו מתבונן זיין אין אזעלכע זאכן, און איך ווייס נישט וויפיל מענטשן האבן דאס פרובירט אפילו איין מאל אין זייער לעבן, אבער מיר פארשטייען אז דער רמח"ל געט אונז דא א גוטע עצה.

ער ברענגט ווייטער: "נאכדעם וואס א מענטש איז זיך מתבונן אין די דרכים פון אברהם אבינו זאל ער זאגן: "'ואעשה כן גם אני' - אויך איך וויל אזוי טון. איך וויל גיין אין די וועגן פון אברהם אבינו און געפונען חן אין די אויגן פון השי"ת." און דער רמח"ל זאגט אונז: "האדם החושב על זה קרוב אל השלמות מאד" - דער מענטש וואס טראכט אויף דעם איז נאנט צו דערגרייכן א שטארקע שלימות, "והיא התרופה היותר גדולה וחזקה ופעלתה גדולה ופריה רב" - און דאס איז דער גרעסטער און שטארקסטער היילונגס מיטל, עס ווירקט גאר שטארק און אירע תוצאות זענען פיל.

עס זאגט זיך גרינג "איך וויל זיין ווי אברהם אבינו", בשעת מיר טראכטן 'דאס זענען צו הויכע מדריגות פאר אונז'. לאמיר אבער זען וואס דער חובת הלבבות זאגט אונז דערוועגן. דארט שטייט (חשבון הנפש ב): ווען דו לערנסט איבער די וועגן פון השי"ת און די וועגן פון צדיקים, קענען די זאכן אויסזען ווי א ווייטע דערגרייכונג, העכער דיינע מעגליכקייטן. דו שטרעבסט, דו ווילסט זיין א צדיק, אן עבד השם אבער דו ווייסט אז ס'איז א לאנגער וועג, א לאנגע רייזע נאך וועלכן דו וועסט אפילו נישט אנקומען צו זיין אפילו נאנט צו אזעלכע מדריגות פון שלימות.

## גוטע תאוות

**אלזא**, וואס זאגט אונז דער חובת הלבבות? א גרויסער חידוש לערנט ער אונז! א מענטש זאל טון אלעס אין זיין מעגליכקייט צו שטייגן, און דאס וואס

ער קען נאכנישט קונה זיין זאל ער כאטש האבן א רצון דערצו. און אזוי שרייבט דער חובת הלבבות: "ומה שלא יוכל להשיגו יתאוה להם" - און וואס דו קענסט נישט משיג זיין אין עבודת ה' זאלסט כאטש שטרעבן צו דערגרייכן די מדריגות.

דאס איז א וויכטיגער לימוד צו דערהערן. דו קענסט נישט דערגרייכן אלעס? שטרעב כאטש דערצו! האב א רצון צו זיין ווי אברהם אבינו און דאס וועט שוין זיין פאר דיר א דערגרייכונג.

זיי מתפלל, "באשעפער, איך בעט דיר העלף מיר איך זאל זען די חסד אין די בריאה אזוי ווי אברהם אבינו האט דאס געזען." "באשעפער, איך בעט דיר העלף מיר איך זאל האבן א רצון צו טון חסד צו די וועלט אזוי ווי אברהם אבינו האט געטון; איך וויל דערגרייכן צו די מדריגות אין מידת החסד אזוי ווי אברהם אבינו האט דערגרייכט". דאן, כאטש וואס דו ביסט נאך ווייט פון אזעלכע מדריגות, אבער דער רצון צו ווערן א צדיק, צו ווערן א חפץ חסד, דאס אליין איז שוין א געוואלדיגער דערגרייכונג.

"וואס קען איך טון?" וועסטו מעגליך זאגן, "איך קען נישט גאנץ בבא קמא, גאנץ בבא מציעא און גאנץ בבא בתרא. ווי אזוי קען איך וויסן אלע הלכות ווי אזוי זיך אומצוגיין מיט מענטשן?" זאגט אויף דעם דער חובת הלבבות: טאקע יעצט, נאך איידער דו ביסט קלאר אין די אלע זאכן, "יתאוה להם" - זאלסטו האבן א תשוקה דערצו. זיי מתפלל: "'הורני השם דרכך' - איך בעט דיר באשעפער, לערן מיר דיינע וועגן." זאג צום אויבערשטן: "באשעפער, איך בין נישטיג. איך בין אומוויסנד, אבער איך בעט דיר, ווייז מיר דעם וועג. לערן מיר און פיר מיר אז איך זאל קענען צוקומען צו די מדריגה פון זיין א חפץ חסד צו די וועלט אזוי ווי אברהם אבינו איז געווען."

דאן וועט דער באשעפער זאגן: "אה, דאס איז שוין עפעס אנדערש! 'ובחרו באשר חפצתי' - דו טוסט אויסוועלן דאס וואס איך באגער. דו ווייסט אפילו נישט צו וואס צו שטרעבן; דו האסט נאך גארנישט געלערנט, אבער ובחרו - דו טוסט אויסוועלן דאס וואס איך וויל! אויב אזוי, דאן ביזטו שוין מיינס א מענטש...!"

## אנטוויקלען א רצון

**עס** איז אבער דאך נישט גרינג צו דערגרייכן דעם רצון. מיין נישט אז ס'איז שפיל, ווייל אויב דו וואלסטו באמת געהאט א רצון דערצו וואלסטו עפעס געטון דערמיט. ווען א מענטש ווייזט נישט קיין אינטערעס צו אויספירן זיין רצון מיינט אז ער וויל דאס נישט באמת. האט איר שוין געעפנט א ספר צו חזר'ן ווי אזוי אברהם אבינו האט אפגעלערנט די בריאה פון דער וועלט? גייט איר ארום אויף די גאסן זיך אומצוקוקן אויף דער וועלט צו אנערקענען די חסדי השם. האט איר שוין אוועקגעגעבן איין מינוט פון אייער טאג צו טראכטן ווי אזוי איר קענט טון חסד פאר די וועלט?!

אויב דו הייבסט נישט אן מיט דעם, איז דאס דער ערשטער באווייז אפצוווענדן דיינע טענות אז דו ווילסט באמת. דאס איז טאקע וואס דו ווילסט?!

א מענטש שטייט אין א טייך וואו עס שטראמט וואסער, און ער שרייט צו פארבייגייער, "געט מיר א טרונק...!" - דו ווילסט א טרונק? דו שטייסט אין וואסער ביז דיינע קניען, דו דארפסט זיך בלויז אראפבייגן און טרינקען. פארוואס בעטסטו וואסער?!

עס זענען דא אזויפיל אופנים ווי אזוי צו טון חסד אין די וועלט; דאס נעמט אריין אלע ענינים פון

בין אדם לחבירו, ווי אזוי זיך אויפצופירן ריכטיג צו אנדערע מענטשן. דאס מוזטו לערנען כדי צו קענען מקיים זיין. די גמרא זאגט: "האי מאן דבעי למהוי חסידא" - אויב ווילסטו זיין א חסיד; וואס א חסיד מיינט איינער וואס טוט חסד, וואס זאלסטו טון? "יקיים מילי דנזיקין" - דארפסטו מקיים זיין דאס וואס מיר לערנען פון בבא קמא, בבא מציעא, בבא בתרא (סדר נזיקין).

## גוטע כוונות איז נאכנישט אלעס

**לאמיר** נעמען אלס ביישפיל איין פרט פון חסד, וואס רעכנט אריין צו זיין נזהר מיט יענעם'ס אייגנטום. אויב עפנסטו א פענסטער ביי יענעם אין הויז, געב אכטונג ווי שטארק דו שטופסט דעם פענסטער. אויב האסטו צו שטארק געשטופט און דער פענסטער האט זיך ארויסגעריקט פון פלאץ און זיך צובראכן, דארפסטו באצאלן דעם שאדן. דאס איז א טייל פון חסד. אבער אויב האסטו נישט געלערנט, וועסטו זאגן, "איך האב נישט געמיינט צו צוברעכן דעם פענסטער, איך בין א שוגג." נאר אויב דו לערנסט וועסטו וויסן אז "אדם מועד לעולם" - א מענטש איז חייב אין הלכות נזיקין אויך ווען עס איז געשען בטעות. אפילו אויב דו האסט נישט געוואלט צוברעכן דעם פענסטער דארפסטו באצאלן פאר דעם שאדן. אבער מענטשן וועלכע האבן נישט געלערנט טראכטן, 'מיין כוונה איז געווען גוט. איך האב נאר געוואלט עפענען דעם פענסטער.' אוי ניין, דו מוזט לערנען! דארפסט זיך שוין נעמען צום לערנען, אויב דו ווילסט זיין ווי אברהם אבינו.

דו זיצט יעצט אויף א בענקל - דו דארפסט אכטונג געבן; שטעק נישט ארויס דיינע פוס. ווען א מענטש גייט דיר אריבער און דיין פוס שטעקט זיך ארויס, איז דאס א "בור ברשות הרבים" - א גרוב אין אן אפענעם פלאץ. איינער קען פאלן איבער דיינע פוס. "איך האב נישט געמיינט יענעם צו מאכן פאלן. איך האב נישט געהאט אין געדאנק קיין שום בייזע כוונות," קענסטו טענה'ן. אבער אויב ער פאלט, וועט נישט העלפן זיך צו ריינוואשן מיט אזעלכע תירוצים ווי, "איך האב דאס נישט געמיינט." חסד מיינט אכטונג געבן נישט צו שעדיגן אנדערע מענטשן.

השבת אבידה איז א חסד. לאמיר זאגן, דו זעסט דיין שכן'ס מיסט קאסטן אינמיטן גאס. באלד וועט קומען א קאר און דאס פלאך מאכן. עס גייט דיר נישט אן, דו שפאצירסט ווייטער אין וועג... וואס מיינט דאס אז עס גייט דיר נישט אן?! נישטא אזא זאך! איינער האט דאך עפעס פארלוירן. אברהם אבינו וואלט ארויסגעגאנגען אין גאס, דאס אויפגעהויבן און צוריקגעשטעלט אין פלאץ. דאס איז השבת אבידה; א חסד.

לאמיר זאגן דו בארגסט א ספר. ווען דו בארגסט א ספר דארפסטו נזהר זיין ווי אזוי דו באהאנדלסט דאס. דו טארסט דאס נישט אויסבייגן, דו טארסט נישט לאזן א קליין קינד נעמען דעם ספר אין די הענט און ער זאל דאס אויסבייגן אדער צורייסן. אויב דיין קליין קינד שעדיגט דעם ספר, ביסטו א חוטא. דאס איז פארקערט פון ווי אזוי אברהם אבינו האט זיך געפירט. "אין השואל רשאי להשאיל" - א זאך וואס דו בארגסט פון איינעם קענסטו נישט פארבארגן פאר א צווייטן; נאר דו מעגסט עס ניצן.

## געב אכטונג וואס דו זאגסט

**חסד** מיינט אויך צו אכטונג געבן אויף 'אונאת דברים'. זאג נישט קיין שלעכטע רייד וואס וועלן ווייט טון מענטשן'ס געפילן.

"גדול אונאת דברים מאונאת ממון" - עס איז ערגער צו ווייט טון מענטשן'ס געפילן

ווי צו גנב׳נען זייער געלט (בבא מציעא נח:). אויב זאגסטו עפעס פאר דיין חבר וואס טוט ווי זיינע געפילן, איז דאס ערגער ווי צו ארויס׳גנב׳ענען געלט פון זיין בערזל. צו וואלטסטו דען גע׳גנב׳ט געלט פון דיין חבר׳ס בערזל?! נאר א שלעכטער מענטש וואלט געטון אזא זאך! אבער אונאת דברים איז ערגער פון דעם.

איינער וואס וויל זיין ווי אברהם אבינו און נאכמאכן דעם באשעפער, איז אזוי וויכטיג ער זאל אכטונג געבן נישט צו שעדיגן קיינעם מיט ווערטער. דו טארסט נישט וויי טון יענעם׳ס געפילן, דו טארסט נישט דערנידערן יענעם׳ס כבוד.

נאכמער, דו דארפסט מאכן מענטשן פריילין. ווי וויכטיג איז צו מחזק מענטשן און טון חסד אויף די וועלט, פונקט ווי דער אויבערשטער טוט חסד.

עס איז דא אזויפיל צו לערנען! א מענטש וואס באגערט צו טון חסד מאכט זיכער צו טראכטן פון אנדערע שטענדיג.

אברהם אבינו האט געלערנט די אלע זאכן פון דעם באשעפער׳ס בריאה. ער האט אפגעלערנט בבא קמא, בבא מציעא און בבא בתרא (סדר נזיקין) פון דעם אויבערשטן. דעם באשעפער׳ס בריאה איז גאר א געוואלדיגער לימוד; עס איז א גאנצער תורת הש״ס פון חסד. אלע פרטים, אלע טיילן פון חסד, זענען שטארק בולט אין השי״ת׳ס ווערק. דורך אפלערנען די בריאה איז אברהם געווארן א גדול בתורה אין אלע הלכות פון חסד. ווען ער האט געלערנט פון דעם חסד ה׳ אין די וועלט איז ער געקומען צו די מסקנא אז דער באשעפער האט באשאפן א וועלט פון חסד נישט נאר ווייל ער וויל מיר זאלן זיין פריילין, נאר ווייל ער וויל מיר זאלן זיך לערנען צו מאכן אנדערע פריילין.

אברהם האט געווידמעט זיין גאנץ לעבן צו לערנען פון דעם חסד ה׳ אין די בריאה און צו נאכגיין די וועגן פון באשעפער, און דאס איז ווי אזוי ער האט דערגרייכט צו וואס קיינער פריער איז נישט צוגעקומען. ער איז געשטיגן אלץ גרעסער און גרעסער יעדן טאג, און אזוי איז ׳אברם׳, דער קליינער אינגל פון אור כשדים, אויסגעשטיגן צו זיין ׳אברהם אבינו׳, דער פאטער פון דעם אידישן פאלק. דערפאר זאגן מיר, ״אעשה כן גם אני״ - איך שטרעב אויך אזוי צו טון; צו נאכמאכן אברהם אבינו און זיין א חפץ חסד אזוי ווי ער איז געווען.׳

נאכמער, דורך די עבודה פון נאכגיין אין די פיסטריט פון אברהם אבינו, טוסטו ערפילן די מצוה פון והלכת בדרכיו - גיין אין די וועגן פון דעם באשעפער, דער גרעסטער חפץ חסד, דער מקור החסד, וועלכער האט באשאפן די וועלט צו זיין אן עולם חסד!

בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב** פאר השי״ת
אדער ווען איר נויטיגט זיך אין א **ישועה**

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד מיט הונדערטער אידן ארייננצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

**צו מנדב זיין ״תורת אביגדור״ רופט: 845-213-7571**
**פאר וויליאמסבורג רופט: 929-236-6802**

**לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן**




**צו באשטעלן ביי אונז**
**קונטרסים גליונות פאר:**
שבת באווארפן שבת שבע ברכות,
שבת התוועדות, אא"וו.

מיט די
- תפילות
- קריאת התורה
- זמירות
- ברהמ"ז

לויט אייער פארלאנג!

פארבינדט אייך מיט אונז
ווי פריער אין וואך
**615.680.9029**
gilyonosshabbosgmail.com

*ליינט די גליון יעדע*
*וואך אין די קונטרס*
*"גליונות לשב"ק",*



# שאלות ותשובות
## מיט ר' אביגדור מיללער זצ"ל

## שאלה:
## וואס האלט איר וועגן חתונות וואס ציט זיך ביז שפעט אין דער נאכט?

## תשובה:

**פארוואס** זאל חתונות נעמען אזוי לאנג?! הונדערטער מענטשן דאפן קאליע מאכן זייער געזונט נאר ווייל דו ווילסט מאכן א חתונה. ס'איז א פארברעכן אויפצוהאלטן צוויי הונדערט מענטשן ביז אזוי שפעט ביינאכט. דעם אנדערן טאג וועלן צוויי הונדערט מענטש ארומגיין אויסזעענדיג ווי א שאטן נאר צוליב דיר. די הארץ ווערט אנגעשטרענג און די נירן ווערן אנגעשטרענגט. ס'איז צופיל!

**בעצם** איז דאס צופיל צו ערווארטן אפילו פון א גוטער פריינט. אפילו גוטע פריינט זאלן זיך ארויסשלייכן! איר דארפט אפילו נישט נעמען די מי צוצוגיין זיך צו פארענטפערן ווייל דאן ווערט ער אנהייבן זיך איינצובעטן ביי אייך. שלייכט אייך ארויס און פארגעס דערפון. ער וועט זיין ברוגז? אייער קערפער וועט אויך זיין ברוגז אויף אייך אויב איר וועט בלייבן ביז שפעט. סאיז וויכטיגער צו זיין אין גוטע באציאונגען מיט'ן קערפער.

### נדבת השבוע

זכות הרבים יעמוד לכל הנדבנים ההחשובים
לראות רב נחת דקדושה מכל יוצ"ח ולהתברך
בכל מידי דמיטב ושפע רב עבה"ג בב"א